№ 8 (54) Opłata pocztowa niszczona gotówką פּרייז 10 גר. דריטער יאָרגאַנג **Zamoszczer Sztyme**

אַבאָנעמענט-פּרייז:
אין לאַנד: 60 גר. 3 חדשים
אויסלאַנד: 40 סענט „
אַנאָנסן-פּרייז:
פאַר א שורה פעטיט 1-טע זייט 30 גר.,
אין טעקסט 40 גר. לעצטע זייט 20 גר.
פאַרן אינהאַלט פון אַנאָנסן, בריוו און מעלדונגען איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך.
נישט געדרוקטע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריקגעשיקט.
אַדרעס פאַר בריוו און געלט
Red. „Zamoszczer Sztyme"
Zamość Pereca 6 m. 15
די ... איז אָפן יעדן טאָג פון 9—11 פרי
Przekaz Rozrachunkowy № 2

# זאַמאָשטשער שטימע

פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע צייטונג

Zamość, piątek 21-go kwietnia 1939 זאַמאָשטש פרייטיק ב' אייר תרצ"ט

## Spółdzielczy Bank Kupiecki

Spółdz. z ogr. odp.

w Zamościu

# Bilans zamknięcia

## na dz. 31 grudnia 1938 r.

| STAN CZYNNY | Suma Zł. | gr. | STAN BIERNY | Suma Zł. | gr. |
|---|---|---|---|---|---|
| Kasa | 7872 | 07 | Fundusz udziałowy | 20070 | — |
| P. K. O. | 1999 | 74 | „ zasobowy | 18769 | 54 |
| Bank Polski | 500 | — | „ zasilenia Spółdz. | 100 | — |
| Papiery wartościowe | 2538 | — | Wkłady oszczędnościowe | 42235 | 10 |
| Pożyczki wekslowe | 11144 | — | Oszczędności premiowane | 6444 | 19 |
| Dyskonto w portfelu | 73855 | 26 | Rachunki czekowe | 60 | — |
| „ u korespondentów | 1644 | 70 | Redyskonto w B-ku Pols. | 2934 | 55 |
| Zaliczki n/inkaso | 15759 | 51 | „ w Spółdz. Centr. | 18310 | 23 |
| Zalegie kredyty | 4430 | 07 | Zobowiązania inkas. | 7674 | 40 |
| Rachunek Różnych | 1700 | 66 | Udziały do wypłac. | 132 | 05 |
| Wydatki zwrotne | 637 | 49 | Rachunek Różnych | 5138 | 91 |
| Ruchomości | 1357 | 78 | Zaliczki n/inkaso | 919 | 73 |
| Nieruchomości | 4187 | — | Odsetki pobr. na r. nast. | 950 | — |
| | | | Wydatki na rok następny | 180 | 98 |
| Suma bilansowa | 127626 | 28 | Zysk w r. 1938 | 3706 | 60 |
| Dokumenty ink. w portf. | 88764 | 51 | | 127626 | 28 |
| „ „ u koresp. | 17056 | 29 | Różni za inkaso | 105820 | 80 |

נעשע!
צו דיינע תנאים מיט ה' יצחק מענדעלסאָן מיינע בעסטע וואונטשן
יוסף שווארץ

Nesi
z okazji zaręczyn z panem Izakiem Mendelsonem
serdeczne gratulacje zasyłają Rachela, Luba i Szyfra

פרל' נעשע וואַקס—ה' יצחק מענדעלסאָן
מיר גראַטולירן! פאַמיליע גינזבורג און וואָלאַרעק

## געזעלשאַפט „לינת-הצדק" אין זאַמאָשטש.

## מעלדונג.

**זונטיק** דעם 23 טן אַפּריל ה. י. פּונקט 7 אַוונט קומט פאָר אין די זאַלן פון דער יידישער קהלה

## די יערלעכע

# אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג

## פון די מיטגלידער.

אַלע מיטגלידער ווי אויך פריינט וואָס ווילן אַז זייער אַרבעט ווערן געבעטן אין דער פאַרזאַמלונג זיך צו באַטייליקן.

**באַמערקונג:** 8 אַוונט דעם זעלבן טאָג קומט פאָר די פאַרזאַמלונג ביי יעדער צאָל מיטגלידער.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| Razem . | 233447 | 08 | Razem . | 233447 | 08 |

## Rachunek strat i zysków za rok 1939.

| STRATY | Suma Zł | gr | ZYSKI | Suma Zł. | gr. |
|---|---|---|---|---|---|
| Koszty administr. i handl. | 12064 | 94 | % i damne od człon. | 14215 | 13 |
| % od wkł. i r. czek. | 2614 | 88 | „ od lokat. | 4 | — |
| „ od dług. i redysk. | 1807 | 07 | Prow. inkas. od człon. | 3863 | 30 |
| Prowizja inkas. i inne | 1599 | 44 | „ „ od niecztłon. | 3225 | 95 |
| 5% umorzenia ruchomości | 182 | 66 | Zysk na pap. wartość. | 16 | 25 |
| 3% umorzenia nieruchomości | 137 | 90 | Zwrot porta | 2009 | 36 |
| Niewypłacalni dłużnicy | 270 | 50 | | | |
| Odsetki pobr. na r. nast. | 950 | — | | | |
| Czysta nadwyżka | 3706 | 60 | | | |
| Razem . | 23333 | 99 | Razem . | 23333 | 99 |

די פארוואלטונג פון „לינת-הצדק" אין זאמאשטש

סוחרים-פאריין אין זאמאשטש.

# אכטונג סוחרים און קליינהענדלער!

זונטיק דעם 30 טן אפריל ה. י. פינקטליך 6 אוונט אין ערשטן טערמין און 7 אוונט אין צווייטן טערמין קומט פאר אין זאל פון דער יידישער קהלה

## א אלגעמיינע
# סוחרים-פארזאמלונג

אויפן טאג-ארדנונג: גאר וויכטיקע סוחרים-ענינים,

אלע מיטגלידער ווערן געבעטן אומבאדינגט צו קומען.

די פארוואלטונג פון סוחרים-פאריין אין זאמאשטש

# TELEFUNKEN
## RADJO




## APARATY
najwyższej jakości
do nabycia na dosadnych warunkach
w firmie

# M. Gojzen
„Radjo Telefunken"
Zamość,
ul. Żeromskiego 11/a tel. 223.

אנאנסירט זיך
אין דער
„זאמאשטשער שטימע".

## Kasa Bezprocentowa „Gmilus-Chesed" w Zamościu.

### קאסע באריכט פון 1 אפריל 1938 ביז דעם 31 מערץ 1939.

| הכנסה: | גר. | זל. | גר. | זל. |
|---|---|---|---|---|
| סאלדא אויפן 1 אפריל 1938 | | | | 844 |
| איינגעצאלט אק' די הלוואות | | 53851 | | |
| דערהאלטן פון „דושאינט" | | 3400 | | |
| „ „ „צ. ק. ב." | | 3400 | | |
| פקדונות | | 350 | | |
| מאנאטלעכער אפצאל | 50 | 1139 | | |
| סובווענץ פון „איובי פושעניסט. האנדל." | | 75 | | |
| נדבה | | 10 | | |
| צוריקקערנדע אויסגאבן | 90 | 1250 | 40 | 63476 |
| צוזאמען , | | | 40 | 64360 |

| הוצאה: | גר. | זל. | גר. | זל. |
|---|---|---|---|---|
| 755 הלוואות ארויסגעגעבן | | 57235 | | |
| צוריקגעצאלט דעם דושאינט" | | 1800 | | |
| „ „ „צ. ק. ב." | | 2460 | | |
| פקדונות | | 425 | | |
| פערזאנאלע אויסגאבן | | 1200 | | |
| זאכלעכע אויסגאבן | 40 | 432 | 40 | 63552 |
| סאלדא אויפן 1 אפריל 1939 | | | | 808 |
| צוזאמען , | | | 40 | 64360 |

### בילאנס אויפן 1-טן אפריל 1939 י.

| פאסיוו: | גר. | זל. | גר | זל. |
|---|---|---|---|---|
| שולדיק דעם „דושאינט" | 50 | 18354 | | |
| „ „ „צ. ק. ב." | | 2665 | | |
| פקדונות | | 50 | 50 | 21069 |
| איינגענער קאפיטאל | | | | 26261 |
| צוזאמען , | | | 50 | 47330 |

| אקטיוו: | גר. | זל. | גר. | זל. |
|---|---|---|---|---|
| ביי קום | 50 | 45841 | | |
| אינווענטאר | | 489 | | |
| אבליגאציעס | | 192 | 50 | 46522 |
| מזומן אין קאסע | | | | 808 |
| צוזאמען , | | | 50 | 47330 |

# וואס הערט זיך אין שטאט?

## דעם 21-טן מאי שטאט-ראט וואלן.

די וואלן צום היגן שטאט ראט זענען באשטימט געווארן אויפן 21 טן מאי ה. י. אלס פארזיצער פון דער הויפט וואל קאמיסיע איז באשטימט געווארן דער ריכטער פון קרייז געריכט ה' ס. קאזשיארזאווסקי, אלס פארטרעטער דעם דירעקטאר פון דער אובעזפיעטשאלני יאן קאזלאווסקי.

דורכצופירן די שטאט ראט וואלן איז די שטאט פארטיילט געווארן אין 6 וואל קרייזן, עס זענען גלייכצייטיק באשטימט געווארן: אלס פארזיצער פון 1 טן וואל קרייז ז. בראניצקי. פארטרעטער א. ציעפלינסקי, פון 2 טן וואל קרייז פארזיצער ס. סיטא, פארטרעטער ק. רוסקאווסקי, פון 3 טן וואל קרייז אלס פארזיצער י. שטשע־פאניאק, פארטרעטער ז. זיפסער, פון 4 טן וואל קרייז אלס פארזיצער ט. בוזשמינסקי, פארטרעטער ד״ר זדראיעווסקי, פון 5 טן וואל קרייז ז. קראווזע, פארטרעטער ע. אסטראוויצקי, פון 6 טן וואל קרייז אלס פארזיצער ד״ר פ. סאוטער, פארטרעטער ד. קיפטלינסקי.

ווי ס'איז צו זען זענען די יידן גענצליך אויסגעמיטן געווארן ביים פארטרעטן די אויבנ־דערמאנטע פונקציעס.

## וואל קאלענדאר צו די שטאט-ראט וואלן.

ס'איז שוין אויך באשטימט געווארן דער וואל קאלענדאר דורכצופירן די שטאט ראט וואלן, דעם 6 טן אפריל—פאראורדנט די וואלן.

דעם 18 טן אפריל—באשטימען וואל קאמיסיעס פאר די 6 וואל קרייזן.

דעם 22 טן אפריל—מיטטיילונג פון דער הויפט וואל קאמיסיע וועגן דער טעטיקייט דורכצופירן די וואלן.

פון 28 טן אפריל ביזן 2 טן מאי איינשליסליך—ארויסלייגן די ווילער רשימות צום דורכקאנ־טראלירן, ווי אויך אריינטראגן רעקלאמאציעס פון די ווילער.

ביזן 2 טן מאי איינשליסליך—אריינטראגן קאנדידאטן ליסטעס.

ביזן 7 טן מאי איינשליסליך—דערליידיקן

אומזאך קומט פאר אן מזומנים.

20 יאר ענטוויקלונג פון פ. ק. א. איז דער שיעור נישט אומגלויבלעכער איבערגאנג פון גארנישט, פון נול צו דער צוגויפזאמלונג פון א דריטל פון אלע געלט דעפאזיטן אין פוילן. פ.ק.א. האלט זיך דערביי אין פרינציפ: גאראנטירן די אפשפאר דעפאזיטן די מעגליך גרעסטע זיכערקייט פון איין זייט, פון דער אנדערער ווידער—ווי צום בעסטן אויסצוניצן די דאזיקע דעפאזיטן פאר דער ווירטשאפטלעכער ענטוויקלונג פון לאנד.

## מיט שווערע מי דורכגעפירט די פסח-אקציע.

הארט פאר יום טוב האט זיך ארויסגעוויזן אז פון אלע פלענער וואס די קהלה האט געמאכט דורכצופירן די פסח אקציע איז אויסגעקומען די יידישע ארעמקייט פון קיין פסח שטיצע נישט געניסן. די איינקאסירטע וועקסלען אויפן חשבון פונם נייעם עטאט האבן זיך אין אנבייק פון דער באקאנטער לאגע נישט געלאזט דיסקאנטירן, ס'איז נאר דיסקאנטירט געווארן א טייל, מיט וועלכן ס'איז קוים געלונגען צו באצאלן א ראטע דער אובעזפיעטשאלניע. דערצו זענען נאך די אמע־ריקאנער געלטער געקומען מיט א גרויסער פאר־שפעטיקונג און די שטאט גבירים האבן זיך מיט דער שווערער לאגע נישט געוואלט רעכע־נען האלטנדיק פארמאכט זייערע טייסטערס.

ביי אזא לאגע האט די קהלה געמאכט דעם לעצטן פרווו. דעם לעצטן שבת פאר יום טוב זענען געשלאסן געווארן אלע בתי תפילות. אין דער גרויסער שול איז פארגעקומען א גרויסער מיטינג אויף וועלכן ס'איז דורך די פרנסים און דאזארעס ראסעט, וואגנער און אנד. ארומגערעדט געווארן די לאגע.

אויפן ארט האבן זיך א גרויסע צאל בעל הבתים דעקלארירט מיט געוויסע סומען געלט, שפעטער איז אין דער קהלה פארגעקומען א גרע־סערע בעראטונג וועלכע האט פון זיך אויסגעטיילט פארלעך וואס האבן שבת צונאכטס באארבעט די שטאט שאפנדיק אזוי א״ום געלט דורכצופירן די אקציע, דערביי זענען אויך געמאכט געווארן הוצאות אין דער הויך פון 2500 זל. אויפן חשבון

## רייזעס און אויספלוגן

## קיין פאלעסטינע

דרום-אמעריקע און אנדערע מעבר-לים-לענדער מיט אלע שיפס-ליניעס

ארדנט איין:

**Francopol** Warszawa, Mazowiecka 9, tel. 570-30.

## דאנקזאגונג.

אין נאמען פון די בני תורה פון אונזער זאמאשטשער ישיבה הקדושה „עץ חיים", וועלכע פארשטארקן מיט זייער לימוד התורה דעם זכות פאר דער עקזיסטענץ פון פאלק ישראל ווי אויך פון די, וועלכע האבן א גאנצן קאנטאקט צו דער ישיבה אינסטיטוציע, דריקן מיר אויס די געשעצטע „ליידיס אסאסיעטי" אין ניו יארק—אמעריקע פון ישיבת „עץ חיים" א אומבאגרעניצטן, ווארעמען דאנק פאר די צוגעשיקטע 170 זל.

מיר ווינטשן די חשיבע שוועסטערן געזונט, אריכת ימים און פרנסה בשפע. מיר האפן צו השי״ת, אז איר וועט אייער אידעלע, הייליקע הילפס ארבעט פאר החזקת הישיבה אויסברייטערן אין דער צוקונפט, לויט אייער אייגענעם גוטן ווילן.

הרב יעקב טשערבוכאווסקי שליט״א ר״מ דישיבת „עץ חיים" בזמושץ,
הרב מרדכי הלוי הורוויץ שטערנפעלד שליט״א אבדפ״ק, הרב יהודה לייב יאסלעוויץ מנהל הישיבה, מרדכי יוסף קראנפעלד, איטשע דוד שליאם, יעקב ישראל אייזענשטאדט, שלמה דוד פארשטענדיק העשל אראמאשעק, יצחק מאנזיס, נחום שטערן, אלי׳ צווילעך, יוסף קאפעלמאן, אהרן ספאדיק.

אויף גאנצע 8 טעג יום טוב

אין דער אנוועזנהייט פון פרעזעס לובלינער, הרב דפה, גמינע מיטגלידער און פארוואלטונגס־מיטגלידער פון „לינת הצדק" האט ה' ישראל ראזן געעפנט פייערלעך די סדר נאכט. ביי די שיין סערווירטע טישן האבן זיך אויסגעזעצט די 150 יידישע זעלנער.

ה' ישראל ראזן און פרעזעס לובלינער האבן פייערלעך באגריסט די יידישע זעלנער, דעם מלוכה פרעזידענט פראפ, מאשטשיצקי, דעם מארשאל רידז שמיגלי און די פוילישע ארמיי, די זעלנער האבן געזונגען דעם פוילישן הימן און „התקוה".

נאכן אפריכטן דעם סדר האבן די פאר־וואלטונגס מיטגלידער פון „לינת הצדק" דערלאנגט די געשמאקע מאכלים צו די טישן. אויך דער

לייהנט פאר אירע אפטיילונגען, פאר יעדן מיטגליד, וואס די געגעבענע אפטיילונג צאלט, האט זי באשטימט 1 מעטער לייהנט.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם האט די היגע „טאז" אפטיילונג באקומען 400 מעטער לייהנט, וואס וועט פארטיילט ווערן צווישן די קינדער פון ארימען באפעלקערונג.

די טעג הויבט זיך טאקע אן די רייניקייטס־אקציע אין שטאט, ספעציעלע גרופן וועלן דורכ־פירן די רייניקייטס אינספעקציעס אין די ארעמע שטובן, דערנאך וועט אויך פארטיילט ווערן די לייוונט.

## דאס פיקעטירן אין זאמאשטש

יוסף שווארץ

# בעריטע טובות...

(משל)

(דעם „יידישן קאָלאָניזאַציע קאָמ.“ אלס צייכן פון פאַראַכטונג)

דער בער,
אָנגעפרעסן און שווער
האָט אמאָל א חשבון־הנפש געמאַכט
און געטראַכט;
פאַרוואָס זאָל יעדער מיך פיינט האָבן?
און דער לײַ, דער פוקס, זאָל פון מיר שפּעטן,
און אלע אין וואלד זאָלן וועלן מיך באַגראָבן?
האט ער באַשלאָסן דעם וואלד איבערבעטן.
געזאָגט און געטון.
אינדערפרי, ביים ערשטן קריי פון האָן
איז דער בער ארויס זוכן פריינט,
גאָר זוך מאָרגן, זוך היינט,
אז יעדער ציט אָפּ פאַר מגושמדיקן בערס בליק
און אנטלויפט אויף צוריק...
מנע, שלעכט...
אויף אזוינס זיך גאָרנישט גערעכט,
מ'אַנטלויפט ווי פון א מגפה,
גלייך ס'וואָלט אין וואלד געווען א שרפה...
פלוצלינג זעט ער א פיצל העזעלע א יונגס
פישטשעט, און אומבאהאָלפן עס שפּרינגט,
ווייזט אויס די מאמע האט נישט באוויזן עס מיטצונעמען;
גיסט זיך אָן בערס הארץ מיט רחמנות,
„נו מילא, וועל איך זיך דערמיט פארגעמען,
און עס צו זיך נעמען, און קויפן א מתנה...
און זאָלן די אומדאנקבארע זען וואס בער באווייזט,
אז נישט תמיד טויט ער און פּייניקט“...
שארט זיך ר' בער צו, טוט דאס העזל א נעם
אין זיינע בערישע לאפּעס ווי אין א קלעם,
טוט עס א גלעט, א פריינטלעך פּעטשל, און אוי געוואלד!...
דאס העזל איז טויט שוין און קאלט...
מוסר השכל:
אזוי איז שוין חברים בערן,
ווילט איר אמאָל שוין בעלי־רחמנות ווערן,
הייזן אז רייסט זיך צו גוטס ווילט עס און באגערט
טוט איר אלע מאָל א טובה פון א בער...

וויי אויך א.ע. אָרט
לייכטע
פוטערוואַרג
— צום —
פרילינגס־סעזאָן

ליסן!!
צו באַקומען אין גרויסן
פוטער־סקלאַד
„אלאסקא“
אין לובלין, בערנאַרדינסקא 3.

א גרויסער אויסוואַל
זילבער־פיקסן
בלאָו־פיקסן
קאַנאַדער, מאָנגאָלער און
איגלענדישע און אלע
שאַטירונגען

קעגנאיבער דער קאָזשא
פּראָנט, 1 טער שטאָק
טעל 33 53

אכטונג הורט און דעטאַל־סוחרים אויף דער פּראָווינץ!

די איבעראַל באַוווסטע וואַרשעווער פאַבריק פון אימפּרעגנירטע מענער און דאַמען־מאַנטלען

פּאַלאַמאַן לייזעראָוויטש

עמפּפעלט צום איצטיקן פרילינגס־סעזאָן א גרויסן אויסוואַל פון די בעסטע אינלענדישע און אויסלענדישע שטאָפן. די גרעסטע נוצן האָבן די פּראָווינצער סוחרים, ווען זיי שטייען אין א דירעקטן קאָנטאַקט מיט אונזער פירמע, וואס איז באַרימט מיט איר בעסטע סחורה און ביליקע פּרייזן. שיקן גלייך באַשטעלונגען אויף פאָלגענדן אַדרעס:

Salomon Lejzerowicz Warszawa, Nalewki 27, tel. 12-06-17

## אין „שבי-ציון“ אין די איצטיקע טעג.

(סוף פון דער צווייטער זייט)

די אין זיף זיף ביים ברעג ים, דאָס איז א מין בוי זאַמד, וועלכער ווערט שטאַרק גענוצט ביי געבײַדעס און אין שבי ציון פאַרדינען עטלעכע קאָלאָניסטן זייער גוט ביים גראָבן זיפּויף—„דאס בעסטע געשעפט“, באַרימט זיך פאַר מיר איינער פון די קאָלאָניסטן, וואָס פירט מיך ווייזן דאס נאַטירלעכע רייכטום פון שבי ציון... רעלסן זענען דורכגעלייגט און קליינע וואַגאַנעטן ווערן אָנגע־פילט מיט זיפּזיף און אוועקגעפירט דורך א טראַקטאָר, קינדער לויפן צום ים, זייער פרייד איז א פרייע, אַ זיכערע, אַ נאַטירלעכע; אזא זון, אזא ליבע וואַרעמקייט, עס איז אַזוי גוט צו לעבן אין דאָזיקן לאַנד, ווען אפילו אין ביידע זייטן פון די זיפּזיף אַרבעטער שטייען באַוואָפנטע

## רינג נ"ר 2

### לטובת דער „תרבות“-שולע אין זאמאָשטש,

איינצאָלונגען ווערן אָנגענומען אין סניף „תרבות“ זאמאָשטש, ווי אויך דורך פּאָסט.

„Zamoszczer Sztyme“
Przekaz Rozrachunkowy № 1.

ברוך סאָבאָל ענטפערט מיט 2 זל, און רופט ארויס: יהושע ראַפּאָפּאָרט, תודרות ניקעלסבערג, חיים דיקלער און אהרן שמואל ניימאַרק.

משה זאַבערמאַן ענטפערט מיט 2 זל, און רופט ארויס: חיים דיקלער, יהושע לערנער, משה בענזלער און יעקב שפּערער.

